

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' וארא
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ג

## פראגע

### פארוואס ערלויבן מיר זיך דא אין אמעריקע צו רעדן ענגליש?

## ענטפער:

אויף די קשיא ווארט איך שוין א לאנגע צייט. א גרויסע קשיא. גלייבט מיר, ס'איז א גרויסע קשיא. איך אליינס, אינדערהיים רעדן מיר נישט קיין ווארט ענגליש. אין מיין הויז רעד איך נאר אידיש. דאס אלעס.

ווען איך בין געווען א משגיח אין ישיבת חיים ברלין האב איך בכלל נישט גערעדט דארט אין ענגליש. צו די בחורים האב איך בלויז גערעדט אידיש.

אבער ווען איך בין געקומען וואוינען אין דעם געגנט, האב איך געטראפן א גרויסע אוצר פון מענטשן וואס זענען געווען ספרדים; זיי האבן נישט געקענט קיין אידיש. טייערע אידן! וואוילע אידן! ווען מיר האבן אנגעהויבן די ליל שישי שיעורים זענען אלע צוהערער געווען ספרדים, וועגן דעם האב איך געטוישט צו ענגליש.

אבער אין אלגעמיין, אויב איך ווער געלאדנט צו רעדן אויף א צווייטע פלאץ וויל איך נישט רעדן קיין ענגליש. איבעראל רעד איך נאר אידיש. אבער דא צוליב מיינע פילע גוטע פריינד, די ספרדים, און אויך בעלי תשובה וואס קענען נישט קיין אידיש, רעד איך אין ענגליש.

אבער איך זאג אייך, עס איז אייביג **לבי נוקפי** – עס באדערט מיך זייער שטארק. איך וואלט זייער געוואלט רעדן בלויז אידיש אויך דא ביים דאנערשטאג נאכט שיעור. אבער דעמאלטס וואלט איך פארלוירן אסאך פון מיינע גוטע פריינד, במילא קען איך מיך נישט העלפן. דאס אלעס.

אבער לערנט אייך נישט אפ פון מיר! שלא שינו את לשונם! טוישט נישט אייער שפראך! (E-124#)

## פראגע

### וועלן אלע אידישע נשמות צוריקקומען ווען משיח וועט קומען, אדער וועלן זיין געוויסע וואס וועלן בלייבן פארלוירן?

## ענטפער:

איך וועל זאגן נאר וואס איך טראכט, אבער איך מיין אז עס וועלן זיין רשעים וואס וועלן פארלוירן גיין אויף אייביג. וויל מיר ווייסן אז עס זענען דא רשעים וואס וועלן נישט זוכה זיין צו עולם הבא. עס איז דא אזא זאך אז א נשמה גייט חלילה פארלוירן אויף אייביג.

אויב א מענטש איז בוחר זיך גענצליך אפצוטיילן פון כלל ישראל, ער שפירט אז אין די גוי'אישע וועלט געפונט זיך די איינציגסטע ליכטיגקייט און גליקליכקייט, און צווישן זיין פאלק איז גארנישט דא, דעמאלטס זאגט דער אויבערשטער "אויב אזוי, איז ווען דו שטארבסט וועסטו גיין קיין פאריז. דיין נשמה וועט גיין קיין פאריז." דאס מיינט דו וועסט זיין אין די סוער-אפלויף פון פאריז.

איך וועל אייך דערציילן א קליינע עפיזאד: איין צופרי בעפאר'ן דאווענען – איך פלעג כאפן א שפאציר בעפאר'ן דאווענען – און איין צופרי איז א הינטל ארויסגעקומען און איז מיר נאכגעגאנגען דעם גאנצן וועג. די גאנצע וועג איז ער מיר נאכגעגאנגען. ווען איך האב געוואלט אריינגיין אין בית הכנסת האט דער נעבעכדיגער הינטל געוואלט אריינקומען. איך

האב צוגעמאכט דעם טויער און אים נישט אריינגעלאזט. ער האט זיך אפגעשטעלט און געקוקט אויף מיר מיט א טרויעריגע בליק.

איך האב אנגעהויבן טראכטן, "עס קען נישט זיין ס'איז סתם א הונט. עס מוז זיין א נשמה פון עפעס א מענטש וואס האט געוואלט איך זאל אים צוריק אריינגעמען." עס איז געווען צו שפעט. א פארלוירענע נשמה.

יעצט, ס'קען זיין אז ס'איז נישט געווען דאס. אבער דאך, ס'איז א גוטע זאך זיך פארצושטעלן. א פארלוירענע נשמה און יעצט איז ער געווארן א הונט. ער איז מיר נאכגעגאנגען שטיל און טרויעריג. ער האט געוואלט אריינקומען אין שול, איך האב צוגעמאכט די טויער. ער האט מיר אנגעקוקט אזוי...

במילא, עס איז נישט קיין ספק אז עס וועלן זיין רשעים וואס וועלן פארלוירן גיין.

אבער מיר דארפן וויסן אז אויף דער וועלט, בעפאר זיי שטארבן, זאגט זיי זייער הארץ אז זיי זענען פארלוירן און דאס שטעכט זיי געפערליך. און דעמאלטס איז די צייט ווען זיי קענען נאך עפעס טון – ווילאנג זיי לעבן קענען זיי נאך פארריכטן. (#900)

## פראגע

## וואס האט געברענגט יאשקע אנצוהייבן א נייע רעליגיע, וואס איז געווארן די קריסטליכע רעליגיע?

## ענטפער:

איך וועל זאגן אין קורצן:

ער איז געבוירן געווארן אונטער צווייפלהאפטיגע אומשטענדן. דאס איז וואס זיי אליינס זאגן, נישט וואס איך זאג. און נאטורליך האט ער געליטן פון א שווערע באגרעניצונג. ווייל אפילו צווישן גוים איז א מענטש פון א צווייפלהאפטיגע הינטערגרונד נישט קיין אנגענומענער מענטש. און צו האבן ג-ט אלס א טאטע טראגט דיר נישט צו ווייט אויף דער וועלט...

אה, אבער ער זאגט אז ער איז אן אייניקל פון דוד המלך. דאס איז א שטיקל סתירה דא. ווייל דו קענסט נישט זאגן אז דער אויבערשטער איז דיין טאטע און אין די זעלבע צייט ביזטו בן אחר בן פון דוד המלך.

סיי–וויאזוי, צוליב זיינע באגרעניצונגען איז ער געווארן א פארביטערטער מענטש. ער האט קיינמאל נישט מצליח געווען אין גארנישט. ער האט נישט חתונה געהאט. אגב, עס איז נישט קיין צופאל אז ער האט נישט חתונה געהאט, ווייל ער האט נישט **געקענט** חתונה האבן. א ממזר איז אסור לבוא בקהל, און ער האט נישט געקענט חתונה האבן מיט קיין איד. ער האט פרובירט צו לערנען תורה, אבער דארט איז ער אויך דורכגעפאלן. ער איז געבליבן זייער א איינפאכער מענטש אין תורה, און דאס ווייסן מיר ווייל מיר זעען פון זיינע אויסדרוקן גראבע עמעראצעס וואס אפילו דורכשניטליכע בני תורה וואלטן נישט געמאכט.

אלס רעזולטאט פון דעם איז ער געווען זייער פארביטערט. אבער ער האט געהאט א מורא'דיגע אמביציע, וואס היינט אויב וואלט מען אים ווען פסיכא-אנאליזירט וואלט מען אים דיאגנאזירט מיט: מעגאלאמאניע, אן אויסטערלישע שטרעבן און דמיון פון זיין עפעס ספעציעל און מאכטפול. יעצט ווען א מענטש האט אויסטערלישע אמביציע אבער האט נישט קיין שום מעגליכקייטן ווערט ער שרעקליך פארביטערט און אנטוישט.

וועגן דעם האט דער אותו האיש אויסגעגאסן זיין ביטערניש קעגן די מענטשן וואס האבן עס יא געמאכט. ווער זענען דעמאלטס געווען די מוצלחים צווישן די אידן? ווער איז ארויפגעקוקט געווארן דורכ'ן גאנצן פאלק? די חכמים, די פרושים. די פרושים זענען געווען געשעצט און באליבט ביי יעדן איינעם. יעדער האט מכבד געווען זייערע מעשים און ווערטער. אבער וויבאלד דער אותו האיש איז דורכגעפאלן פון ווערן חשוב, האט ער אויסגעדרייט זיין כעס קעגן זיי.

און וועגן דעם איז די גאנצע "ברית החדשה" פון אנהייב ביזן סוף איין לאנגע רעדע פון שימפען קעגן די הייליגע תנאים. ס'איז נישט דא קיין אנדערע בוך אין דער וועלט וואס האט אזויפיל ביטערניש קעגן די חכמי ישראל ווי זייער שמייליגן בייבל. און דאס איז די סיבה – ווייל ער האט עס נישט געמאכט.

און דאס איז דער סוד פון די אנהייב פון זייער רעליגיע. עס איז געגרינדעט געווארן פון אנטוישונג און ביטערניש און דאס האט גורם געווען צו די ביטערע שנאה וואס האט ליידער געקאסט אזויפיל אידישע לעבנ'ס דורכאויס די היסטאריע. (#47)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

*



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
זמירות שבת
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב